**"עבר האב או האדון ולא מל אותם"** – דער טאטע אדער דער אדון האט נעגלעקטעד, ער האט עס נישט געטון, נישט געמל'ט. **האט ער מבטל געווען א מצוות עשה, "אבל אינו חייב כרת, שאין הכרת תלוי אלא בו לעצמו"**. דער "ונכרתה" שטייט אויף די "הנפש ההיא", אויף דער זכר וואס ווערט נישט געמל'ט. ס'איז נישטא קיין כרת אויף די... ס'איז אינטערעסאנט. דו האסט דא אזוי, דער מענטש ווערט אויף וועמען ס'איז חל די חיוב און די כרת, און נאכדעם האסטו ווער האט די חיוב צו טון די מעשה המצוה.

אצינד, וואלסטו געקענט טייטשן קלוג אז די פסוק זאגט פאר די טאטע, "טאמער דו וועסט נישט מל'ן דיין זון, וועט דיין זון נכרת ווערן". ס'שטייט נישט ממש אזוי, אבער אז ס'שטייט אזוי, קען עס זיין די טאטע'ס פאולט אפילו, אבער ער באקומט די כרת, אדער שפעטער מוז ער זען. ס'איז נישט ממש אזוי. מ'וועט נאך זען וועגן די כרת. איך זאג נאר וואס מ'וואלט געקענט טראכטן וויבאלד ס'שטייט אין פסוק.

אבער ביז דערוויל, די ערשטע הלכה, אזוי ווי אלעמאל די ערשטע הלכה, זאגט דער רמב"ם פשוט וואס איז די עיקר מצוה און וואס איז די עונשים, אזוי גייט עס געוועונליך אין אנהייב.

**הלכה א' (המשך) – חיוב בית דין**

### Speaker 1:

**"ובית דין מצווין למול את אותו הבן או העבד בזמנו"**. די בית דין איז מצווה, אויסער די טאטע און די אדון, איז די בית דין אויך מצווה צו מל'ן די בן אדער די עבד וואס די טאטע אדער די אדון האט נישט געטון די מצוה. אבער ס'שטייט "בזמנו". אויב ער איז געווען געבוירן, אבער יום השמיני האט נישט די טאטע געטון, זאלן זיי שוין קיינמאל נישט מעגן טון?

### Speaker 2:

געלעגנהייט ווי לאנג ער וויל. אבער די עבדים ווייסן נישט ווען איז די חיוב. איך מיין אז זיי האבן נישט קיין שפעטער לערנען. אויב ער ווערט געבוירן איז אויך באדערט אדער נישט.

### Speaker 1:

**ולא יניחו ערל לא בישראל ולא בעבדיהם**. די בית דין זאל נישט איבערלאזן... דא זעסטו אביסל אזוויוי דו האסט געזאגט. אזוויוי עבדי ישראל באלאנגט אויך צו האבן א מילה, נישט ווייל ער איז אליין א דין ישראל.

בית דין מצווה, אויסער די חיוב וואס איז דא אויף א מענטש אויף זיינע קינדער און אויף זיינע עבדים, איז דא א מצוה אויף די בית דין צו מאכן זיכער אז ביי אידן איז נישטא קיין ערלים.

**דיסקוסיע: וויאזוי טוט עס די בית דין?**

### Speaker 2:

אקעי, וויאזוי טוט עס די בית דין? בית דין גייט און קען מל'ן אנשטאט אויב דער מענטש האט נישט אליין געמל'ט זיין קינד. אבער וויאזוי טוט מען עס? הייבט זיך אן א שאלה, מ'דארף צווינגען?

### Speaker 1:

יא, בית דין... ווען איז עס די טאטע? איז עס אן ענין פון רצון? דער טאטע וויל, אבער אויב נישט, וואס איז די ענין?

**הלכה ב' – אין מלין שלא מדעתו**

### Speaker 1:

גייט דא דער רמב"ם זאגן די הלכה: **אין מלין בנו של אדם שלא מדעתו.** מ'גייט נישט, ס'איז נישטא אזא זאך אז מ'זאל מל'ן א צווייטן מענטש'ס זון שלא מדעתו. **אלא אם כן עבר ונמנע למולו, נאר ער איז עובר געווען און ער האט זיך צוריקגעהאלטן און ער האט בכלל נישט געמל'ט, דעמאלטס בית דין מלין אותו בעל כרחו.**

וואס מיינט צו זאגן? ס'טייטש, ווי לאנג ס'איז נאך אין די אכט טעג? ביז ס'ווערט נאכט פון די אכטע טאג? אדער ווען די אכטע טאג איז שוין אדורך געגאנגען? דער רמב"ם מיינט צו זאגן, זאלסט נישט מיינען אז אויב ס'שטייט, פשוט טייטש, אויב ס'שטייט אז בית דין איז מחויב, אפשר שטייט אז בית דין גייט ארום אין די פלעצער וואו ס'איז דא קינדער פון אכט טעג און זיי גייען מל'ן יעדן איינעם. ניין, די עצם בעט מען די טאטע זאל מל'ן, אדער מ'ווארט אז ער זאל מל'ן, און נאכדעם די בית דין טוט עס, ווייל זיי האבן מהלכים, איך ווייס נישט. אבער די פוינט איז, טאמער א מענטש איז אן עובר, דעמאלטס די בית דין...

### Speaker 2:

די בית דין איז נאר דא צו בידוע, אויב די טאטע האט עס נישט געטון. אבער מ'טוט עס נישט לכתחילה. ס'איז נישט אז ס'איז דא א... אז ווער ס'וויל קען, און די טאטע האט נאר פשוט א גרעסערע חיוב. קען מען טראכטן, ווער האט די חיוב צו מל'ן די קינד? אדער די טאטע אדער די בית דין? זאגט ער ניין, די טאטע האט די חיוב. אויב די טאטע האט נישט געטון זיין חיוב, דעמאלט הייבט זיך אן א זאך אויף די בית דין, אז די בית דין האט... ס'איז א עבירה.

**הלכות מילה פרק א' — חיוב מילה: טאטע, בית דין, און דער מענטש אליין**

**הלכה ב' (המשך) — "בית דין מלין אותו בעל כרחו"**

### Speaker 1:

ניין, איך טראכט אז "בית דין מלין אותו בעל כרחו" זעט מיר אויס אז ס'מיינט נישט צו זאגן אז די בית דין גייט און נעמט ארויס די קינד און בית דין מל'עט. נאר "מלין אותו בעל כרחו" מיינט אז די בית דין לייגט פרעשור אויף די טאטע אז די טאטע זאל מל'ן. ווייל אזוי שטימט די נעקסטע. "נתעלם מבית דין" — די טאטע האט זיך נתעלם געווען פון בית דין, "ולא מלו אותו" — ער האט נישט געמל'ט די קינד. אז די בית דין האט נישט געמל'ט? אנדערע ווערטער, קודם... ניין, אדער "ולא מלו אותו" — די טאטע האט נישט געפאלגט. נישט קיין חילוק פונקטליך די סדר וויאזוי ס'איז. "שבית דין

מלין אותו בעל כרחו". "שבית דין מלין אותו בעל כרחו". איז דא דריי לעוועלס כאילו. קודם ווארט מען אויף די טאטע, טאמער די טאטע טוט עס נישט, כאפט אים די בית דין און מל'עט אים. "נתעלם מבית דין" מיינט צו זאגן אז ס'האט זיך באהאלטן די קינד, אדער די קינד האט זיך נישט געמ'מל'ט... רייט, ווייל ס'איז נישט פשט אז די בית דין מל'עט יעדער, זיי ערווארטן אז די טאטע זאל מל'ן, ס'מאכט סענס "נתעלם" זיין. יא, "ולא מלו אותו" — מ'האט אים נישט געמ'מל'ט.

איז ווייל די מענטש טראכטן, שוין, די טאטע האט עס נישט געטון, און אויך נישט די בית דין, אויף וועם איז יעצט די חיוב? יגדל, הוא חייב למול את עצמו, אדער גייט ארויף די חיוב אויף אים? זיי זענען מסביר, די תורה האט געזאגט א חיוב אז א מענטש דארף זיין געמ'מל'ט. דאס איז די עיקר חיוב. ווער טוט עס? סאו קודם דארף עס די טאטע טון, אויב נישט די טאטע, די בית דין. כולי, די חיוב גייט צוריק זיך פון whoever קען עס יעצט טון אין די moment. אז א מענטש איז שוין גרויס, האט ער א כח אויף זיך אליין צו קענען... די בית דין קען נעמען קעיר פון גרויסע מענטשן אויך, דאס איז נישט די פוינט. בית דין זעט אז דאס זאל נאר זיין ביי די... די בית דין, נאך דעם וואס די בית דין איז וויסן, בית דין גייט נישט ארום טשעקן. ווען א מענטש, ס'ווערט געבוירן א נייע קינד, קען די בית דין טשעקן צו מ'האט גענומען א מוהל. ס'איז נישט... מ'קען נישט זאגן אז בית דין איז נישט קיין חלק פון די ברית מילה. אבער איז דא וואס זאגן בית דין אריין אין די פיקטשער. אויב ס'איז נישט געלונגען, דאס וואס די קינד איז נישט געווען דארט, און איך ווייס נישט וואס אלע מניעות, גייט די חיוב ארויף אויף אים. סאו ס'איז דא א חיוב צו מל'ן אים.

**דיסקוסיע: אויף וועם איז דער עיקר חיוב?**

### Speaker 2:

ניין, אויף וועם איז די חיוב?

### Speaker 1:

וואס?

### Speaker 2:

Where do you get this report from? וואס איז געשען? You're inventing a thing that doesn't say.

### Speaker 1:

וואס?

### Speaker 2:

ס'שטייט דא אז די טאטע דארף, אויב נישט די טאטע, די בית דין, אויב נישט די בית דין, ער אליינס. אבער ס'שטייט נישט אז דאס אלעס הייבט זיך אן ווייל ער דארף אליינס.

### Speaker 1:

וואס הייסט? ס'איז זייער קלאר. ס'איז זייער שווער צו זאגן אז ס'הייבט זיך אן אז ער דארף אליינס, ווייל ער איז נאך א אכט טעג'יג קינד. ס'איז זייער גוט שייך. אבער ס'איז נישט נאר א זאך אז ווען א מענטש ווערט דרייצן קומט ארויף אויף אים א חיוב מילה. די חיוב מילה איז א חיוב וואס זיכט א host, זיכט א בעל הבית.

### Speaker 2:

Where do you get this idea from?

### Speaker 1:

דאס האב איך אזוי געלערנט. ס'איז א נייע זאך, יא, אבער ס'שטייט נישט דא. ס'איז נישט אזוי פשוט אויס. און ס'איז נישט נאר דעם, ס'איז זייער קלאר אין די... אקעי, לאמיר לערנען א ווארט.

ס'איז די מצוה צו מל'ן א צווייטן. איך מיין אויך, דו ווייסט, ס'שטייט בית דין, אזוווי דו האסט געזאגט, ס'מיינט נישט אז די בית דין שטייט מיט די פאליס און מאכט. די אידיע איז מער אז... ס'איז א חיוב אויף כלל ישראל אזוי. יא, אויב די טאטע איז פונקט נישטא, נעמט מען קעיר. ס'איז נישט פשט אז... יעדע זאך איז א חיוב אויף בית דין, אויף יעדע מצוה שבעולם די בית דין איז כופה. ניין, ניין, ניין, ניין, ניין.

### Speaker 2:

ס'איז נישט קיין חידוש, פרעגסטו. זיין גרויסער, די בית דין צו פארסטן, אזוווי זיי פארסטן אויף אלע אנדערע מצוות.

### Speaker 1:

דא איז עפעס א נייע זאך, ס'מיינט, זיי זאגן אז ס'איז נישט פשט אז יעדער טאטע האט עפעס איינציגסטע. דער טאטע האט די מצוה, אבער אויכעט... פליז, פליז. נא. אויכעט אלע אידן זענען פארט פון דעם זאך.

### Speaker 2:

אקעי.

**"וכל יום ויום שעובר עליו משגדל" — ביטול מצות עשה און כרת**

### Speaker 1:

איז דעמאלטס, **"וכל יום ויום שעובר עליו משגדל ולא ימול את עצמו, הרי מבטל מצות עשה"**. פון ווען ער ווערט גרויס און ער האט נאכנישט געפאלגט די מצוה אז ער דארף זיך אליין מל'ן, הרי מבטל מצות עשה, איז ער מבטל א מצות עשה. אונז האבן געשמועסט אז די מצות עשה האט כרת. און ווען ווערט ער א חיוב כרת? זאגט דער רמב"ם, **"אבל אינו חייב כרת עד שימות והוא ערל במזיד"**. כרת איז ער נאר דעמאלטס חייב ווען ער איז שוין דורכגעגאנגען זיין גאנצע לעבן און ער האט שוין נישט קיין טשענס נאכאמאל זיך צו מל'ן, ער איז געשטארבן ווייל ער איז א ערל במזיד.

ווייל די כרת, ווי לאנג א מענטש קען נאך מתקן זיין... איך מיין, ווי לאנג ער קען זיך נאך מתקן זיין, איז די פשט, כרת איז אויף דעם אז ער האט זיך נישט געמ'מל'ט ביז די ענד. דאס הייסט, כרת איז נישט אויף די ביטול מצות עשה, נאר אויף דעם אז דער מענטש לעבט זיין לעבן ווי א ערל. סאו אויב א מענטש וועט זיך מל'ן היינט אדער ווען ער איז פופצן, באקומט ער דאך נישט קיין כרת, ער גייט דאך קענען לעבן. סאו ווען ווייסט מען אז ער קען באקומען כרת? ווען די טאג ווען ער שטארבט. אבער אפילו די טאג ווען ער שטארבט, אויב מל'ט ער זיך נאך די לעצטע מינוט, איז ער נישט חייב כרת. נאר ווען ער שטארבט ווייל ער איז א ערל, דעמאלטס איז ער חייב כרת.

**דער ראב"ד'ס השגה — כרת און התראה**

גלייך אויפ'ן פלאץ דער ראב"ד, דער ראב"ד זאגט אז די ענין איז אז א כרת קען מען נאר טון ווען ס'איז דא א התראה. ניין, וועיט, לאמיר פארשטיין וואס דער רמב"ם האט געזאגט. דער רמב"ם זאגט א זייער א סימפל זאך. ס'איז דאך דא א מאדנע זאך וואס הייסט כרת על מצות עשה שאין קבוע לה זמן, שטימט? געווענליך כרת קענט מען אז דו האסט געגעסן חלב, ס'איז געענדיגט, ביסטו חייב כרת. אזוי, האסט געטון די זאך, ס'איז געענדיגט. אדער אפילו קרבן פסח, פשט איז געווען אין ירושלים, נישט געווען קיין רחוק וטמא וכדומה, אז ער קען מקיים זיין די קרבן פסח. האסט נישט געענדיגט יעדע עלעמענטן. אויב אזוי, האסטו מבטל געווען א מצוות עשה.

אבער ממילא, האט מען זיך יעצט געלערנט, ס'איז א מצוה א גאנץ לעבן. ס'איז א מצוה טאקע די אכט טעג, אבער... יא, שמירת שמונת ימים איז נאר אן עקסטערע מצוה, א הידור מצוה אזא, אבער די מצוה איז א גאנץ לעבן. און די חיוב איז אליינס. אבער אויב ער האט נאך נישט קיין קינד, דער טאטע איז נישט חייב קיין מילה. אכט טעג איז ער קיינמאל נישט, ער קען נישט אליינס טון. סאו, יעצט האט ער א חיוב זיך צו מל'ן ווען ער איז אן ערוואקסענער, ער דארף זיין א מהול'דיגער איד.

סאו, טראכט דער רמב"ם א פשוט'ע זאך. דאס הייסט, סאו ווען טו איך נישט א מצוות עשה? א מצוות עשה זאגסטו מיר דארף איך א גאנצע טאג טון. סאו טו עס, טו עס, יעדע מינוט שטייט אויף דיר "טו, טו, טו". אבער ווען האב איך נישט געטון? ס'מוז דאך זיין א גאנץ לעבן וואס איך האב נישט געטון, ווייל ס'איז א מצוות עשה, נישט קיין מצוות לא תעשה.

סאו, דער רמב"ם אין פירוש המשניות, ווי ער ברענגט דא, זאגט ער, ס'איז טאקע א חידוש, ער ווייסט נישט קיין אנדערע מצוה אין די גאנצע תורה וואס מ'האט א חיוב די עונש נאכדעם וואס מ'שטארבט. אבער ס'מאכט סענס ווייל דעם וואס ס'איז א מצוות עשה וואס מ'דארף טון.

#### דער רמב"ם'ס שיטה אין כרת — לויט הלכות תשובה

לויט'ן רמב"ם, וויאזוי דער רמב"ם לערנט וואס כרת טייטשט, לויט ווי מיר האבן געלערנט אין סוף הלכות תשובה, שטימט עס זייער גוט. ווייל דער רמב"ם האט געזאגט אז כרת מיינט אז זיין נשמה האט נישט קיין השארת הנפש. נאר די דעת לעבט, נאר די דעת וואס האט געטון תורה ומצוות. און דער מענטש וואס האט כרת באקומט נישט קיין השארת הנפש. וואס שטימט זייער גוט אז ער איז געשטארבן, און יעצט באקומט ער נישט קיין השארת הנפש.

אבער אויב כרת מיינט די עצם שטארבן, אז מ'זאל שטארבן אין א יונגערע עידזש, דעמאלטס ווערט עס זייער שווער. ס'איז טייטש, דער רמב"ם קען נאך אלץ זאגן אז איינער איז חייב כרת עד שימות, און ער וועט עס לאזן אזוי. אבער פאר די אנדערע איז עס זייער שווער. ס'איז טייטש, ער איז געשטארבן ביי די אכציג, און ער איז נישט געווען קיין כרת'דיגער? וואס?

### Speaker 2:

דאס איז אפילו נישט דיין קשיא, דאס איז די ראב"ד'ס קשיא.

### Speaker 1:

ניין, דאס איז נישט דיין קשיא, נישט די ראב"ד'ס קשיא. די ראב"ד'ס קשיא איז ווענן התראה. אבער סתם, די ראב"ד האט געהאלטן אז ס'מאכט נישט קיין סענס. קען זיין ער מיינט דאס אויך.

### Speaker 2:

ניין, די ראב"ד האט געהאלטן אז כרת באקומט מען נאר ווען ס'איז דא התראה.

### Speaker 1:

דאס איז די פקפוק. ער מיינט אז מ'קען נישט באקומען כרת אויף התראה, און די התראה איז א ספק, ווייל אפשר גרייט זיך מארגן דער מענטש. פארקערט, נאכאמאל, די ראב"ד זאגט אז ס'איז נישט ריכטיג. די ראב"ד האט געטראכט אז דער רמב"ם מיינט צו זאגן... וואס הייסט אז מ'קען אלעמאל זיך מל זיין? אז ס'איז כליא ספק, מ'קען אים נישט זאגן ווייל ער גייט אפשר. זאגט די ראב"ד, דאס מאכט נישט קיין סענס אויף כרת. כרת איז דער אייבערשטער, מן השמים האבן זיי נישט קיין ספיקות. זיי ווייסן נאך צו דו גייסט זיך מל זיין, צו דו האלטסט זיך ביים מל זיין. ממילא קען מען יא געבן די כרת. דאס איז וואס די ראב"ד זאגט, פארשטייסט? אז אן שמים איז נישט שייך צו זאגן אז ספק איז א פראבלעם, נאר בדיני אדם איז שייך צו זאגן אזא זאך.

### Speaker 2:

יא, אבער נאך אלץ, דער פראבלעם איז, ווען א מענטש איז זיך מל ביי די פינף און דרייסיג, וואס איז געשען? ער האט געלעבט יעדן טאג בכרת?

### Speaker 1:

די ראב"ד האלט אבער אז ס'איז גלייך מיט חיוב כרת.

### Speaker 2:

אה, ס'איז א מחלוקת הרמב"ם מיט די ראב"ד.

#### מחלוקת רמב"ם און ראב"ד אין יסוד כרת

### Speaker 1:

דאס איז די ווארט. די רמב"ם זאגט אז כרת מיינט נישט עונש מיתה בידי שמים. די ראב"ד זאגט אז ס'איז א חומר הדבר. דאס איז א מין עבירה וואס יש עליה כרת. ער זאגט נישט אז דו האסט כרת. ווייל ער איז דאך אויך מודה אז ווען א מענטש איז זיך מל דעמאלטס האט ער נישט כרת, יא? וואס איז געשען מיט די אלע כרת'ן די אלע יארן? דאס איז א פראבלעם פאר די שמים זאלן נעמען כרת.

איך זאג, דעמאלטס, ווילאנג ס'איז נישט געשען כרת, איז עס א מין קאטעגאריע פון א חיוב כרת, אבער ער האט נישט באקומען כרת. די עונש כרת באקומט ער ווען ער שטארבט.

### Speaker 2:

אה, פשוט אזוי. דו ווייסט נישט וואס מיינט די עונש כרת?

### Speaker 1:

די ראב"ד האט מיר נישט געזאגט דא וואס מיינט די עונש כרת. אבער ווען אונז רעדן אין הלכה חיוב כרת, דער פשט איז אז ער איז חייב כרת. אויף דעם זאגט ער, די עונש געשעט אז ער איז חייב סקילה, ער איז נאך נישט נסקל געווארן שוין, דאס איז אן אנדערע נושא וויאזוי ס'פירט זיך אויס פראקטיש.

### Speaker 2:

אקעי.

### Speaker 1:

יא.

#### הלכה ג' — מילת עבדים: יליד בית און מקנת כסף

### Speaker 1:

הלכה ג'. הלכה ג' זאגט די רמב"ם, ווענן עבד. מיר האבן געלערנט אז די אדון האט די מצוה צו מל'ן זיין עבד. זאגט די רמב"ם, **"אחד עבד שנולד ברשות ישראל, ואחד עבד הנלקח מן הגוים"**. ס'איז נישט קיין חילוק, אזוי ווי די רמב"ם פירט אויס, **"יליד בית או מקנת כסף"**. יליד בית איז די עבד וואס איז געבוירן ברשות ישראל, און מקנת כסף איז אן עבד וואס מ'האט געקויפט. **"הכל חייב רבו למולן"**. די אדון איז חייב זיי צו מל'ן.

איז דא א חילוק, יליד הבית נימול לשמונה, די יליד הבית מל'ט מען לשמונה אזוי ווי א געווענליכע אידיש קינד, בן שמונת ימים ימול לכם כל זכר, ומקנת כסף נמול ביום שנלקח. ווען מ'קויפט א נייע עבד, דעמאלטס מ'האלט מען אים. אפילו נלקח ביום שנולד, אפילו אויב ער איז א פרישע קינד וואס איז פריש געבוירן,

#### הלכות מילה: מקנת כסף ויליד בית, ודין עבד שאינו רוצה למול

#### הלכה ג-ה: מקנת כסף שנימול לשמונה ויליד בית שנימול ביום שנולד

**Speaker 1:** סא וואס זאגסטו? אויב מ'נעמט אים ווען מ'קויפט אים צוואנציג, דארף מען אים מל'ן בו ביום, און אפילו מ'קויפט אים ווען ער איז איין טאג אלט, דארף מען אים מל'ן בו ביום. רייט?

**Speaker 2:** יא, ווייל דאס איז די פסוקים. אין די פסוק וואו ס'שטייט ווען מ'זאל מל'ן בשמונת ימים, שטייט יליד בית. ביי מקנת כסף שטייט נישט שמונת ימים.

**Speaker 1:** איך פארשטיי וואס דו זאגסט, אבער די חילוק לגבי דעם אנדערן איז נישט קלאר.

לאמיר גיין ווייטער. **"יש מקנת כסף שנימול לשמונה."** דער רמב"ם זאגט אז א מקנת כסף מל'ט מען די טאג וואס מ'קויפט אים, אבער ס'איז דא מצבים ווען אויך די מקנת כסף איז נימול לשמונה. און ס'איז אויך דא פארקערט, יליד בית שנימול ביום שיוולד. ס'איז אויך דא א מצב אז אן עבד וואס איז געבוירן געווארן ביי א מענטש אין שטוב זאל מען מל'ן די טאג וואס ער ווערט געבוירן.

**"כיצד?"** דאס איז דער רמב"ם מסביר. **"לקח שפחה ולקח עובריה עמה."** ער האט געקויפט א שפחה וואס איז מעוברת, און ער זאגט אז ער וויל האבן די עובר אויכעט. ולקח עובריה עמה, אויטאמאטיש מיינט דאס אז ער דארף צאלן פאר די עובר. אקעי, לאמיר זען. ער קויפט ביידע אויפאמאל.

**"לקח שפחה מעוברת וילדה, הרי זה נימול לשמונה. מילתו לשמונת ימים. אפילו שלקח העובר בפני עצמו."**

אה, ער האט געקויפט עקסטער. דאס הייסט, דער מענטש וואס פארקויפט די שפחה זאגט אזוי: איך טשארדזש דיר טויזנט דאלאר פאר די שפחה, און פינף הונדערט דאלאר פאר די עובר, וואטעווער ס'איז. ער האט דאך געקויפט די עובר. **"אפילו שלקח העובר בפני עצמו"**, ער האט געקויפט די עובר. איז דאך די עובר אזויווי א מקנת כסף וואס מ'קויפט. **"הרי העובר מקנת כסף הוא."** הייסט א מקנת כסף. **"אבער הואיל וקנה אמו קנה אותה"**, אבער למעשה האט ער געקויפט די מאמע אויכעט פאר זי האט געגעבן בירט צו די קינד, ער האט געוואלט פארשטיין אז די קינד איז יא געווען א יליד בית, ממילא נימול לשמונה ווערט ער גע'מל'ט אין שמונה, און אין אזא פאל גייט מען נישט נאך די מקנת כסף, נאר מ'גייט נאך די פאקט אז ס'איז א יליד בית.

**דין יליד בית שנימול ביום שנולד**

און ווען איז פארקערט, אז א יליד בית איז נימול ביום שיוולד? זאגט ער אזוי, **"לוקח שפחה לעיבורה"**, א מענטש האט געקויפט א שפחה ווייל ער וויל האבן די עיבורים, ער וויל נישט די שפחה, ער וויל אז די שפחה זאל נישט קומען בכלל אַרבעטן, אבער ער זעט זי גייט האבן א עיבור.

**Speaker 2:** **"או שלקח שפחה על מנת שלא להטבילה לשם עבדות"**, ער האט גענומען א שפחה... ניין, ס'קען זיין ער האט בכלל נישט געקויפט די שפחה, ער קויפט שפחה לעיבורה, וואס איז דא אפשר א פראבלעם פון דבר שלא בא לעולם, איך ווייס נישט. ער קויפט די זכות צו די עיבורי השפחה.

**Speaker 1:** אה, ער האט אפגעקויפט אירע עיבורים.

**Speaker 2:** אה, אזוי, יא, אזוי דארף מען פארשטיין, דאס טייטש אזוי ווי דקל לפירותיו, איך האב די רעכט פון די אלע עיבורים וואס גייט קומען, ס'איז שוין יא דא, ס'איז נישט נישט דא, ס'איז אפילו נישט תלוי, ס'איז שוין דא. פריער האבן מיר גערעדט אז ס'איז שוין דא א עיבור, רייט? קען זיין איך נעם א שפחה, און מיין זכות, ארבעט נישט צו ארבעטן פאר דיר, אדער וואטעווער זי טוט, אבער זיין זכות איז די עיבורי השפחה.

**"או שלקח שפחה על מנת שלא להטבילה לשם עבדות"**, ער האט גענומען א שפחה מיט א תנאי אז זי זאל נישט באקומען דיני שפחה, אז זי זאל זיך דארפן טובל'ן. ס'איז דאך שוין, וואס איז איר קעטעגאריע? זי הייסט נישט א שפחה? זי איז נישט מחויב במצוות? זי איז נישט קיין עכטע שפחה.

**"אף על פי שנולד ברשותו"**, אפילו די קינד איז געבוירן געווארן ברשותו, טעקניקלי, אז דו זעסט די שפחה לעיבורה, טייטש ער האט אהיימגעברענגט די שפחה זאל זיצן אין זיין הויז לעיבורה. **"אף על פי שנולד ברשותו"**, אבער דאס הייסט יא מקנת כסף, ווייל די עבד ווערט זיינס ווען ס'ווערט געבוירן, און ס'איז א קנין. די זעלבע זאך ביי די שפחה, ווייל זי האט נישט געהאט קיין דיני שפחה ווייל זי איז געווען על מנת, הייסט עס האט עס א דין ווי א מקנת כסף.

**"וכיון שנולד זה, כולו מקנת כסף לבדו, וכולו יום קנינו."** ס'הייסט אזוי ווערט ע�� א מקנת כסף, ווייל ער האט געקויפט די שפחה פאר דעם. זי איז אן אמת'ע בכלל שפחת ישראל כדי שיהא הבן יליד בית. יליד בית מיינט אייביג א קינד וואס איז געבוירן געווארן צו א שפחה ישראלית וואס איז ביי דיר אין דערהיים. אבער אין אזא פאל הייסט ער אז ער איז נישט געווארן קיין שפחה. דאס איז די פוינט.

ס'איז דא צוויי וועגן: אדער, טאמער די מאמע האט ער נישט געקויפט, ער האט נאר געקויפט די זכותא איבער אים. אדער, טאמער די מאמע האט ער געקויפט באופן וואס זי ווערט נישט קיין שפחה, איז זי נישט קיין... דער אינגל איז נישט געבוירן געווארן פון א אידישע שפחה. ממילא איז ער נישט קיין יליד בית, ממילא איז ער א מקנת כסף. ווען איז ער געווארן א מקנת כסף? צוויי חדשים צוריק. ס'איז נישט קיין חילוק. דאס אז ער איז שוין געבוירן מקנת כסף מאכט עס נישט אויס מקנת כסף. יליד בית מוז זיין אז ער איז געבוירן צו דיין שפחה. שטימט?

**Speaker 1:** יא, אבער **"ואם טבל לאמו אחר שנולד, הרי זה נימול לשמונה"**. וויאזוי ארבעט דאס? איז ער א פרייע?

**Speaker 2:** יא, ווייל יעצט איז ער געווארן א... געבוירן צו... פארוואס איז זי א שפחה ישראלית? שפחת ישראל, קען מען זאגן.

**Speaker 1:** אבער ער איז דאך שוין געבוירן, **"אחר שנולד"**.

**Speaker 2:** יא. טאקע פאני. איך ווייס נישט. ניין, איך זאג דיר פארוואס. ס'איז דא עפעס וואס מאכט נישט קיין סענס.

**Speaker 1:** קיינער ווייסט נישט, נאר איך ווייס נישט.

**Speaker 2:** אקעי. און ס'איז נוגע למעשה די שאלה, וועלן מיר קוקן אין די מפרשים. מיר דארפן זיך רוקן, ס'איז 1:14. מיר וועלן נישט אנקומען ערגעץ.

**Speaker 1:** אקעי.

**הלכה ו: דין לוקח עבד גדול מן הגוים ולא רצה למול**

**Speaker 2:** **"לוקח עבד גדול"**. לוקח עבד גדול מן הגוים. און וויאזוי ס'גייט בעצם די... אז מ'קויפט אן עבד, און ער ווערט נימול וכדומה.

**Speaker 1:** יא.

**Speaker 2:** יא, **"לוקח עבד גדול מן הגוים"** — א מענטש קויפט אן אדאלט עבד פון די גוים, **"ולא רצה עבד למול"** — דער עבד וויל נישט זיך מל'ן. איז, מ'טאר נישט האבן אן ערל זאל זיין אן עבד ביי א איד. וואס טוט מען? **"מגלגלין עמו כל שנים עשר חודש"**. מ'טרייט, מ'נעמט צייט וואס מ'גייט טרייען משפיע צו זיין אויף אים. מ'מיינט די לשון "מגלגלין עמו", ס'שטייט אסאך מאל אזוי ווי... האט נאך א לאנגע דין ודברים מיט א מענטש, איך דענק אין אבן העזר צווישן א מאן און א פרוי, מגלגלין עמו אזוי און אזוי לאנג. נישט ווי לאנג מ'וויל נאר דרייען, יא, ליטעראלי דרייען, נישט נאר לומדות'דיג, מגלגלין עמו י"ב חודש, מ'דרייט.

**חידוש: מ'לאזט אים נישט בעל כרחו**

סאו דא זעט מען קודם כל אז מ'לאזט אים נישט בעל כרחו, מ'זאגט נישט אז ס'איז נישטא קיין וועג. מ'וואלט געקענט טראכטן אזוי ווי אז א מענטש טאר נישט היימנעמען אן עבד ווילאנג ער ווייסט זיכער אז דער עבד גרייט זיך צו מל'ן. ס'זעט אויס אז ס'איז דא עפעס א היתר אז ער קען צוועלף חדשים טרייען, און אין די מינוט קען ער נוצן די עבד.

מ'האט אויך געקענט טראכטן פארקערט, אז מ'קען, ס'הייסט ער דארף האבן אן עבד, איך מל אים. זעסט אז דער עבד, א עבד איז דאך א סארט גר סך הכל, און מ'קען נישט ווערן א אידישע עבד אן רצון. סאו אזוי סאך איז דא, רייט? דו קענסט אבער נישט מאכן קיין קנין, פארוואס? ווייל דו קענסט אים נישט צווינגען, דו קענסט אים נישט... קודם כל, ס'וואלט געהייסן אזויווי מאכן א מום באחד מראשי איברים אויף וואס ער וויל ארויסגיין לחירות.

**דיון: פארוואס קען מען נישט צווינגען מילה?**

**Speaker 1:** איך ווייס נישט, אבער איך מיין אז וואס איז די ריזן? ווייל ס'איז אזא סארט גירות, כופין אותו עד שיאמר רוצה אני, דאס איז למשל אן עבד נאכדעם וואס ער איז שוין א איד. אבער דאס איז דאך א גוי, ער וויל נישט זיין א איד, אפילו ער וויל נישט זיין קיין עבד ישראל. דו קענסט נישט מאכן א מענטש דיין עבד? דו קענסט אים מאכן אן עבד, אבער נישט קיין אידישע עבד. פארשטייסט וואס איך מיין? ס'איז טעקניקלי... אבער וואס קען קען מאכן א מום אין אן אנדערע מענטש? איך ווייס נישט צו מ'קען. מ'האט דאך גאנצע איסורים פון מ'טאר נישט מסרס זיין אן עבד. וואט אר יו סעיאינג?

**Speaker 2:** אוקעי, וואס איז די יסוד? נישט די מילה, נישט די וואונד. די מילה איז דאך די מילה איז דאך די, די מילה איז די פשט אז ער ווערט אין דעם א איד, רייט? די וועג וויאזוי ער ווערט א איד איז מיט מילה. אבער

מ'קען נישט מאכן א מענטש פאר א איד, אליינס, אפילו אן עבד. ניין, מ'רעדט אפילו באופן ער איז מסכים אויף טבילה, ער איז מסכים אויף אנדערע זאכן, ער וויל נאר נישט זיך מל'ן זיין. ס'איז נאר די דין אין מילה. ווייל מילה מאכט אים מער. ס'איז נישט קיין... ס'איז נישט קיין... די וואונד. ס'איז ווייל מילה איז אן ענטערנס צו די גרעסערע פיקטשער. ס'איז דא א מצוות מילה, און אויב ער איז נישט מסכים, **יסר הכתוב**, זאגט די רמב"ם, **"אסור לקיימו כשהוא ערל, אלא חוזר ומוכרו לגוים."**

ער קען אים נישט האלטן מער ווי צוועלף חדשים אויב ער בלייבט טאקע ערל, נאר ער דארף אים ווייטער פארקויפן. במה נשתנה ערל מלכתחילה ומוכרו לגוים? ער קען נישט פארקויפן פאר א צווייטע איד. דו קענסט נישט מאכן אזא ארים אז יעצט זאל א צווייטע איד אים האלטן צוועלף חדשים. יעדער צוועלף חדשים קען מען אנהייבן דעם... ס'איז נישט קיין אנדערע זאך.

**פארוואס מעג מען פארקויפן לגוים?**

און מ'טאר נישט פארקויפן אן אייגענעם עבד לעולם הם בך תעבודו, **"והתנחלתם אותם לבניכם אחריכם"**, דאס איז די ווארט, אז מ'מעג אים פארקויפן לגוים, ווייל ער איז נאך נישט קיין עבד פון א איד. און אויב ער איז שוין א פולער עבד כנעני, מ'טאר נישט פארקויפן אן עבד, מ'טאר נישט משחרר זיין אן עבד, **"והתנחלתם"**, אויב ער איז דיינס טאר מען אים נישט משחרר זיין, און פארקויפן פאר א גוי. אבער דא איז די ענין פון נישט פארקויפן פאר א גוי. א אידישע עבד, אן עבד כנעני, טאר מען נישט פארקויפן פאר א גוי. אבער ער איז דאך א גוי, דער גאנצער פוינט איז אז ער וויל בלייבן א גוי.

דער רמב"ם לייגט דא א דגש אויף די ווארט "לגוים", איך טראכט איז איינע פון די צוויי סיבות, אדער מיינט ער צו זאגן אז ער וויל בלייבן א גוי, ער וויל נישט ווערן קיין איד, "לחזור ולהיות לגוים", זאגט ער פאר די סיבה, מ'קען נישט זאגן אז א צווייטע איד קען אים אויך האלטן צוועלף חדשים. אדער מיינט ער צו זאגן אז מ'מעג אים פארקויפן לגוים ווייל ער האט נאך נישט קיין דין פון אן עבד כנעני פון א איד.

**דין התנה עמו שלא ימול**

**"וישנה הלכה מתחילה, אם התנה עמו רבו הגוי שלא ימול אותו"**, דאס הייסט ווען דער איד איז אים געגאנגען קויפן פון זיין גוי'ישע אדון, האט ער געמאכט א תנאי אז איך נעם דיך אבער בתנאי שלא ימול אותו, **"מותר לקיימו כשהוא ערל"**. יא, דאס איז קלאר. **"מותר לקיימו"**, אזוי ווי מיר האבן פריער גערעדט מיט די שפחה, אזוי ווי **"על מנת שלא להטביל לשם עבדות"**, דאס הייסט, ער מאכט מיט אים אפ א דיעל אז דו גייסט זיין מיין קלינינג לעדי אבער נישט מיין עבד, נישט דין עבדות, זאלן מיר האבן אן אנדערע מין דיעל. אזוי ווי ס'איז דא א דין עבד כנעני, עבד פון ישראל, אויב מ'וויל קען מען מאכן אזוי ווי נישט עבד.

ניין, א מענטש מעג ווייטער האבן, מאכן אנדערע מענטשן ארבעטן פאר אים. אריינצוקומען אין די קאטעגאריע פון עבד, דאס קען מען נישט. אויב ס'איז א נקודה אז מ'דארף מסכים זיין מיט די דינים פון די מקח, לכאורה איז סתם א תנאי.

**קשיא: מיט וועם מאכט מען די תנאי?**

מיט וועם מאכט מען די תנאי? מיט'ן אייבערשטן? דו פארשטייסט וואס איך פרעג? די מעשה איז א משכון שב"ד? מיט וועם מאכט מען די תנאי?

**Speaker 1:** ניין, ניין, די תנאי איז מיט די עבד, אז ער גייט נישט אריינקומען צווישן קהל עדתו, ער האט דאך נישט די בענעפיטס.

**Speaker 2:** סא פארוואס קען איך דאס נישט מאכן נאכדעם? פארוואס נאכדעם לא רצה קען איך נישט צוריקגיין צו די ערשטע?

**Speaker 1:** אה, יעצט איז רבי א גאון. די זאך איז ווען ער נאכאמאל...

**הלכות מילה — דיני עבד כנעני וגר**

**הלכה ו: דין עבד כנעני שלא קיבל מצוות**

**קריאה והסבר בפשט הרמב"ם**

### Speaker 1:

די עבד, אמונה, אמונה, אמונה... אויב ס'איז א נקודה אז מ'דארף מאכן מיט תנאי'ן דעם מכח? ס'איז א תנאי... לכאורה, עס נעמען א תנאי... מיט וועם מאכט מען די תנאי? מיט דער אייבערשטער? שטייסט אז איך פרעג... עס מאכט א משהו כתבי תורה? מיט ווער מאכט מען די תנאי? איך האב נישט כולן לשם עובדות, נאר כולן לשם נישט עובדות. עובדות שלולמים. וואס עס נאך זיין? יא, שלולי לשם עובדות. דארפן זיי האבן א דיעל צווישן זיך. וויפיל ער צאלט אים א חילוק? עס איז געקלייב אז עס האט האבן זייער סאך חלקה'דיגע חילוקים. ניין, ער גייט זיין אן עובד. נאר אן מילה. ער גייט זיין א גוי. א גוי'שע עובד זער באלאנגען פאר א איד, נישט אן עבד כנעני, נישט אן עבד. ווייט? וואס מיינע איך? וואס איך דארפט איך זאג? אקעי.

עס זעט מיר אויס אז עפעס זעט מיר מיר ציילן פון די הלכה. מ'דארף מאכן אזא סארט קניון. איך גיי צום מארק, צום אדין, און מ'רעווען פארקויפט. איך קען אים קויפן. דער מעל דעפאלט איז אז ער ווערט אן עבד כנעני של ישראל, אן עדינער ישראל. אבער אויב איך וויל, מאך אן אנדערע סארט קניון. ווייל דאס הייסט נישט נישט, נישט פארטער אז איך קען סתם טוישן די סענטעס צו מיר. ניין. אבער ער זאגט דער רמב"ם דא א תנאיה, דא תנאיה דא ווייל דא נישט.

אן עבד, עס איז דא א קאטעגאריע פון אן עבד, וואס איז מחייב במצוות אזוי ווי א ישראל, ער באלאנגט צו די אידן, האט א הלכות מיוחדות, אבער ער באלאנגט פאר אידן. און האבן דא א גר תושב, וואס איז נאר מחייב מיט די שבעה מצוות בני נוח. אזוי, מ'רעכט צו וואוינען אין ארץ ישראל, און מ'דארף גיין נישט ארויסטרייבן פון ארץ ישראל.

דארטש אזוי, א איד, טייטשלעכי תחילה, ווען א מענטש קויפט א גוי זאל ווערן זיין עבד, דארף דער עבד ווערן א איד לכל דבר, וואס דאס טייטשט די דיני עבד. אויב ער איז נישט מסכים, דארף ער לכל הפחות ווערן א בעל עבירה מיט שבע מצוות בני נח. אבער אויב ער איז נישט מקבל די שבע מצוות, טאר מען אים נישט אריינברענגען קיין ארץ ישראל, נאר פארקערט, יהרג מיד, מען דארף אים הרג'ענען אויב איז יד ישראל תקיפה.

**דיסקוסיע: וואס מיינט "יהרג מיד"?**

### Speaker 2:

יהרג מיד מיינט נישט אונז זוכן צו הרג'ענען, איך מיין צו זאגן, אונז לאזן דעם אנטלויפן, רייט? ס'פאלט דיר איין? אונז זוכן צו הרג'ענען גוים? אונז זוכן נישט צו הרג'ענען גוים.

### Speaker 1:

דער רמב"ם זאגט אין הלכות מלכים אז די חיוב פון אידן איז, משה רבינו איז מצווה געווען אז מ'זאל פארסן אלע גוים צו היטן שבע מצוות בני נח, און אויב נישט זיי צו הרג'ענען. אזוי שטייט דארט אין הלכות. דער ראב"ד טענה'ט זיך טאקע. אלע גוים מיינסטו וואס וואוינען אין ארץ ישראל? ניין, אלע גוים אין די גאנצע וועלט. קוק אין הלכות מלכים, אזוי ווי איך געדענק שטייט. אקעי, מ'גייט לערנען הלכות מלכים וועט מען זיך מוטשענען מיט אים.

אבער דער רמב"ם האט געהאלטן אז מ'איז מחויב צו אויסלערנען פאר אלע גוים צו טון די מצוות, און אויב נישט זענען זיי חייב מיתה. מ'קען מאכן א מלחמה, וואטעווער. ס'איז פראקטיש זייער שווער צו הרג'ענען סתם יעדער איינער, אבער אזוי איז דאס.

**מחלוקת רמב"ם וראב"ד**

### Speaker 1:

דער ראב"ד איז מחולק. דער ראב"ד זאגט דא, ימכר מיד, ואינו רשאי להרגו. ס'איז מסתבר אז דער ראב"ד איז מודה אז דער דין וואס דער רמב"ם זאגט איז ריכטיג, ס'איז נאר א דין לכתחילה, אבער ווען ס'קען נישט, סאו

דארף מען אים, וויאזוי הייסט עס, פארקויפן פאר א גוי. דו זאגסט דא, פארשיקן? יא.

אבער על כל פנים, דער רמב"ם, אבער דו זאגסט דער רמב"ם, קוק וואס דער רמב"ם זאגט אליינס, **"ואין מקבלין גר תושב אלא בזמן שהיובל נוהג"**. ער מיינט צו זאגן לכאורה אויף די גאנצע הלכה, אז מ'קען עניוועי נישט ווערן קיין גר תושב אלא בזמן שהיובל נוהג, איז אוודאי נישט נוגע די יהרג מיד אויך נישט. ס'איז אויך נישט נוגע, ווייל ס'איז נישט קיין עונשים אויף נישט בזמן שהיובל נוהג. סתם, נישט נאר יובל, באופן כללי. קען זיין דאס איז דער רמב"ם'ס וועג פון מסביר זיין אז ס'איז נישט אלעמאל.

**פשט הרמב"ם: ווען נוהג יובל**

## Speaker 1:

אבער ס'איז פשוט פשט פון רמב"ם איז, אז ווען היובל נוהג איז דא אזא אפציע צו מאכן א גר תושב, און דאס גייט באמת סיי אויף דער עבד שלא קיבל עליו אפילו די צוועלף חדשים דארף ער שוין מקבל זיין זיין מצוות בן נח, ער האט נישט קיין רעכט קיינמאל צו זיין אפילו אן זיין מצוות בן נח. נאר אויף מילה האט ער רעכט. אבער אויב ער וויל נישט גלייך מקבל זיין זיין מצוות בן נח, הרג'עט מען אים גלייך די ערשטע מינוט. אדער טאמער מאכט א תנאי, אדער מ'פארקויפט אים פאר א גוי, מ'זאל זיך האלטן זיינע מצוות בן נח. און די אלע אפשענס זאגט דער רמב"ם איז נישט נוגע בזמן הזה.

אבער זמן הזה קען מען נאר האבן א עבד וואס איז מסכים צו מל'ן זיך גלייך, און טאמער נישט דארף מען אים הרג'ענען, אזוי זאגט דער רמב"ם.

**דיסקוסיע: הרג'ענען בזמן הזה**

## Speaker 2:

ניין, דער רמב"ם זאגט דאך זיכער נישט אז מ'הרג'עט בזמן הזה. בזמן הזה הרג'עט מען נישט ווייל אנדערע סיבות. ניין, ווייל הרג'ענען דארף מען דאך האבן א בית דין, ס'זאל דן זיין דיני נפשות.

## Speaker 1:

א גוי, אויף זיינע מצוות? גוים טארן נישט הרג'ענען, א איד מעג הרג'ענען וויפיל ער וויל?

## Speaker 2:

ניין, ניין. גוים טארן נישט הרג'ענען, קיינער טאר נישט הרג'ענען. ס'איז דא אן עונש, אבער א איד האט אויך א חיוב בשבע מצוות בני נח, אז דו קענסט נישט אריינגיין מיט א מעסער און הרג'ענען א מענטש. ס'דארף זיין עפעס א due process, מ'דארף רעדן מיט די גוים, מ'דארף זען, מ'דארף זען ווער ס'האט די רעכט צו הרג'ענען, ס'איז נישט א wild west.

## Speaker 1:

דער רמב"ם זאגט, **"אלא בזמן שיהיו להם כח ביד ישראל"**. וואס איך וויל נישט זאגן בכלל איז אז דו ביסט א גר תושב. מ'הרג'עט נישט, מ'טוט נישט, מ'דארף זען וואס מ'טוט יא. ס'איז נישטא קיין דיני עבד בכלל נישט, אויך נישט, ס'איז שוין אין די זמנים פון רמב"ם אויך נישט געווען, ס'איז נישט נוגע.

**הלכה ז: גר שנתגייר — הטפת דם ברית**

**קריאה בפשט הרמב"ם**

## Speaker 1:

**"גר שנתגייר לקהל ישראל"**, א גר וואס דער רמב"ם זאגט נישט די ווארט "מגוירין געווען", איך מיין די ווארט "גר" אליין שטייט די ווארט "מגוירין געווען". א גר וואס איז געווארן א חלק פון קהל ישראל, ער האט זיך מגייר געווען, געווארן א איד, **חייב מילה תחילה**, פאר ער ווערט א איד דארף מען אים מל'ן. **"ומל כשהיה גוי"**, ער האט זיך שוין גע'מל'ט ווען ער איז געווען א גוי, **"צריך להטיף ממנו דם ברית כשנתגייר"**, דארף מען נאכאמאל מאכן א קליינע מכה אז ס'זאל ארויסקומען עפעס בלוט כשנתגייר. וואס איז די ענין פון דם ברית?

**דיסקוסיע: הלכות מלכים — חיוב לכפות שבע מצוות**

## Speaker 2:

איך וויל דיר גראדע אנקוקן. ס'שטייט אין הלכות מלכים אז משה רבינו האט געהייסן **לכפות כל באי עולם לקבל כל מצוות שנצטוו בני נח, וכל מי שלא יקבל יהרג**. אזוי שטייט דא. ס'שטייט נישט אז מ'דארף א בית דין פאר דעם. דאס דארף מען וויסן פראקטיש?

## Speaker 1:

פראקטיש, דאס דארף מען וויסן פראקטיש, אוודאי.

**חזרה צו הלכה ו: פירוש הבית יוסף**

## Speaker 1:

אקעי, צוריק צו מיר. אקעי, געב מיר א מינוט. די ענין פון **"אם לא קיבל עליו שבע מצוות, יהרג מיד"**. א עבד כנעני וואס האט נישט מקבל געווען, נישט גע'מל'ט און נישט מקבל געווען שבע מצוות, **"יהרג מיד"**. און אויף דעם קריגט זיך גלייך דער ראב"ד און זאגט אז היינט קען מען אונז נישט הרג'ענען, **"אין לנו להרוג"**.

זע איך אז דער הייליגער בית יוסף, דער מרא דאתרא דישראל, דער מרא דארעא דישראל, זאגט, ער פרעגט אויף דער ראב"ד, וואס ווילסטו? דו מיינסט אז דער רמב"ם האט עפעס זיך ארומגעדרייט מיט א שווערד און געהארגעט מענטשן? אוודאי הרג'עט מען נישט בזמן הזה. נאר ער לערנט אנדערש פשט.

ער זאגט אז לויט'ן רמב"ם איז אויך בזמן הזה דא די הלכה פון **"מגלגלין עמו כל שנים עשר חודש"**. ווייל דער רמב"ם טיילט אפ אז די דין פון "מגלגלין עמו כל שנים עשר חודש" האט נישט צו טון מיט די דין פון אז נאכדעם גייט מען אים הרג'ענען. נאר מ'גלגלט מיט אים שנים עשר חודש, און מ'טרייט אים צו משכנע זיין, און נישט דארף מען אים פארשיקן.

דער ראב"ד זאגט אבער אז היות היינט איז נישטא די אפציע פון "יהרג מיד", וואס האסטו ווען דו גלגלסט מיט אים שנים עשר חודש? ער גייט... ווען דו האסט ביים סוף א סטראשונעק פון הרג'ענען, אוודאי גייסטו עפעס אויפטון פוןווארטן מיט אים צוועלף חדשים, און אין די מינוט גייט ער מסכים זיין. אבער אויב האסטו נישט מיט וואס אים צו סטראשענען, האסט נישט קיין די אפציע פון "יהרג מיד" ביים ענד, דארפסטו אים גלייך יא מוכר זיין מיד. דא קריגט זיך דער ראב"ד. דער ראב"ד זאגט אז מ'טאר בכלל נישט נעמען א עבד וואס וויל נישט קבל זיין שבע מצוות בני נח, ווייל ס'איז נישטא קיין "יהרג מיד", און ס'איז אויך נישטא קיין "מגלגלין עמו שנים עשר חודש". אזוי לערנט דער בית יוסף איין פשט.

**הלכה למעשה: דיני עבדות בזמן הזה**

## Speaker 1:

מ'דארף וויסן הלכה למעשה, איך קען נישט קיין איין איד וואס האט א עבד בזמן הזה. איך ווייס אז די פוסקים איז יא געווען אמאל א מדובר. ס'איז נישט אזוי סימפל. ביי אונז איז נישטא קיין עבדות בכלל. דאס וואלט שוין מבטל געווען דער וואס דו האסט דערמאנט, אברהם לינקאלן.

## Speaker 2:

ניין, וואס אונז האבן היינט איז אזא מין עבדות מיט די היסנע עמו, וואס טייטש? ווען איינער נעמט א ביליגע ארבעטער, איז אזא מין תנאי אז איך האב נישט אלע רעכטן וואס א ליגאל ארבעטער וואס ארבעט מיט די יוניאן האט, אבער איך האב מיט דיר א תנאי, דו קענסט מיר נישט געוויסע תנאים. א זאך איז סארט, און געוויסע רעכטן וואס ער בלייבט. דער "היסנה עמו" איז פשט אז ער האט נישט קיין עכטע דין עבד. ביי דעפינישן, איינער וואס קען מיט דיר ניגאשיעיטן איז נישט קיין עבד. היסנה עמו.

## Speaker 1:

אקעי, איך זע דא אין די זייט, זיי האבן גערעדט וועגן דעם, ס'איז נישט קלאר.

**חידוש: דער מהות פון עבדות אין תורה**

## Speaker 1:

דער רמב"ם זעט דא זייער קלאר אז, איך מיין אז אונז האבן די ראנג בליק אויף עבדות. אונז קוקן עס אן אלעמאל אזויווי א פשוט'ע רשע, אזויווי די אמעריקן סאוטה וואס האט געהאט גדר גרועים אויף מענטשן. אונז זעען מיר דא אין הלכות מילה, אונז זעען דאך הלכות מילה, נישט הלכות עבדות, און דאס איז אונזער עכטע.

מען זעט אבער דא אז אן עבד איז געווען א פארט פון די פעמילי. ס'איז דא צוויי וועגן צו זיין א פארט פון די פעמילי: ס'איז דא א בן, און ס'איז דא אן עבד. אבער אן עבד איז סך הכל פארט פון די פעמילי.

איך וואלט עס אביסל אויסגעברייטערט. ס'איז דא אפאר וועגן פון זיין א פארט פון די פאלק. זיין א פארט פון די פאלק איז דא א איד, און א סוב-קאטעגאריע פון א איד איז אן עבד. ס'איז טאקע נישט אזויווי זיין זון, אבער ס'איז אן עבד. און נאכדעם איז דא די קאטעגאריע פון גר תושב. וואס באלאנגט ער דא? ער איז א מינאריטעט וואס האט רעכטן און אזוי ווייטער. און נאכדעם איז דא א שומר שבע מצוות בני נח. ער איז אפילו נישט קיין גר תושב... ניין, שומר שבע מצוות בני נח איז א גר תושב. און די אנדערע איז דא וואס ער מוז גיין פון דא, די רמב"ם האלט נישט, מען דארף אים פארטרייבן. די אנדערע דארף מען פארטרייבן, ס'איז נישטא די אפציע.

די גר תושב איז די איינציגסטע אפציע פון אזא מינאריטעט, נאר ווי דו רופסט עס, ס'איז דא חינוך מקשר אז ס'איז עצמאי. ווען איינער זאגט אז ס'איז אן עבד, איך פארשטיי אז ס'איז אין די סיסטעם. גר תושב איז אין די סיסטעם, אבער נישט אלס חלק פון די אידן.

**חידוש: גירות בעל כרחו — נאר ביי קטן**

## Speaker 1:

ניין, וועגן דעם, איך בין מסביר וועגן דעם, ער ברענגט דא אז א גר, לויט די רמב"ם, מוז ער דאך מסכים זיין צו זיינע מצוות, ווייל ס'איז בעיסד אויף די גירות. די איינציגסטע מאל וואס ס'איז דא גירות כביכול בעל כרחו איז א קטן. א עבד קטן איז מען מטביל על דעת בית דין, ווייל מיר זאגן אז ס'איז זכות. אזויווי ס'איז א זכות פאר א קטן צו זיין א איד, איז אויך א זכות צו זיין א אידישער עבד. סך הכל צו זיין א עבד איז נישט אזוי שרעקליך צו זיין א עבד. א עבד קומט דיך פלבי למלך, יא. און ס'איז דא עבד עברי אפשר, אבער א עבד כנעני זאגט דער רמב"ם און ער איז אן עובד, מען דארף זיך פירן מיט אים מענטשליך.

עניוועיס, שוין, צוריק צו דער גוי, דער גר. אה, מיט אנדערע ווערטער, איך טראכט אזוי, ס'איז דא א ליסט פון מענטשן וואס דארפן א ברית מילה: א טאטע, א יונגל, אן עבד, און יעצט איז דא נאך א זאך, א גר. גר שנתגייר ונכנס לכלל ישראל.

### מילת גרים, קטן שנולד מהול, אנדרוגינוס, יוצא דופן, וזמן המילה

**עבדות איז נישט אזוי שרעקליך**

סך הכל צו זיין אן עבד איז נישט אזוי שרעקליך צו זיין אן עבד. אן עבד קומט דיך כבוד אב ואם. יא, ס'איז ביי עבד עברי אפשר, ביי עבד כנעני זאגט דער רמב"ם "העיר אליו", מ'דארף זיך פירן מיט אים מענטשליך, אויב דו געדענקסט האבן מיר גערעדט וועגן דעם.

**הלכה ז: גר שנכנס לקהל ישראל**

שוין, צוריק צו די גוי, א גר. אה, ניין, ס'איז אנדערע ווערטער. איך טראכט אזוי, ס'איז דא א ליסט פון מענטשן וואס דארפן א ברית מילה: א טאטע, א יונגל, אן עבד, און יעצט איז דא נאך א זאך, א גר.

**גר שנכנס לקהל ישראל חייב מילה תחילה.** די חיוב איז אויף די בית דין, אויף די וואס איז ממונה, אויף מלכות ישראל, וואס איז. תחילה, פאר'ן אריינגיין, אבער נישט ווען ער איז א גוי. בשעת דעמאלטס ווערט ער א שטיקל גר, מילא איז דא א חיוב.

**דער לשון "קהל ישראל"**

דער לשון "קהל ישראל" איז זייער אינטערעסאנט, ווייל "קהל ישראל" אסאך מאל מיינט חתונה האבן, מ'קען זיך משדך זיין מיט אים. אזוי ווי "לא יבא ממזר בקהל ה'". סאו ווען ער נכנס לקהל ישראל קענסטו אנקוקן אז ער וויל חתונה האבן מיט א איד. אבער איך מיין אז ס'זעט דא אויס ווי ער מיינט צו זאגן גר שרוצה להתגייר, אזוי ווי רוצה לחסות תחת כנפי השכינה, איז די ערשטע זאך דארף זיין מילה. ער קען נישט זאגן אז ער גייט זיך מל'ן עווענטועל. ס'ווערט א מעכב פאר די גירות.

**ואם מל כשהוא גוי — צריך להטיף ממנו דם ברית**

**ואם מל כשהוא גוי, צריך להטיף ממנו דם ברית כשנתגייר.** אויב האט ער זיך גע'מל'ט ווען ער איז געווען א גוי, יענע מילה איז נישט געווען לשם מצות מילה. מצות מילה האט אין זיך א דעקלערעישאן, עפעס א... ווערן א חלק פון די אידן, ס'איז א ברית. ס'איז א דעקלערעישאן, ס'איז א זאך וואס מ'טוט, א גרויסע רושם, און מ'ווערט א חלק פון די אידן. דער גוי האט זיך טאקע גע'מל'ט, אבער ס'איז בכלל נישט געווען אויף צו ווערן א חלק פון די אידן. דארף ער יעצט מאכן א ברית, און די אופן וויאזוי מ'מאכט א ברית איז מיט דם ברית.

**קטן שנולד כשהוא מהול**

כהן, נאך א פאל, **קטן שנולד כשהוא מהול**, אויב א קטן ווערט געבוירן און ער איז שוין מהול, ער האט נישט די ערלה וואס מ'קען נאך אראפשניידן, איז ער נישט שייך אין אים צו מאכן א ברית. אבער ער דארף זיך אבער יא אריינקומען אין כלל ישראל דורך די מעמד הברית. אפילו אויב ס'איז נישטא קיין ערלה אראפצושניידן, **איז צריך לטף דם ברית ביום השמיני**, דארף מען אראפשניידן דם ברית, און דאס טוט מען אויך ביום השמיני. סא דאס וועט זיין זיין ימול אזוי ווי. ס'איז אינטערעסאנט.

**די ברית איז דאס אז מ'ווערט א חלק פון אידן**

סא וואס איך קוק יעצט אן לויט די רמב"ם איז אז די ברית, די ברית איז דאס אז מ'ווערט א חלק פון אידן. די אופן עשיית הברית איז באופן כללי אראפנעמען די ערלה, אבער ווען ס'איז נישטא קיין ערלה דארף מען עס טון, די ימול וועט ווערן די הטפת דם ברית. ס'איז דא אויך פון די גאון, יא. הטפת דם ברית וועט זיין סארט ברית מילה.

**חקירה: ספק ערלה כבושה אדער ענין פון ברית?**

ס'איז דא א חקירה וועגן דעם. מ'קען טראכטן אז דא א... די כסף משנה זאגט ער זאגט אז הטפת דם ברית איז וועגן א ספק, אפשר האט ער עפעס אן ערלה כבושה. איך ווייס נישט וואס דאס מיינט טעכניש, מ'דארף פרעגן א מוהל זאל קענען מסביר זיין. יעדע הלכה דארף מען ברענגען די מומחה אויף יענע הלכה, יא? יעצט דארף מען ברענגען די מוהל מיט מאכן דיאגראמס אדער וויאזוי לערנט מען די מהלכים.

איך ווייס נישט. ס'זעט מער אויס ווי ס'איז די ענין פון ברית. ס'איז די זעלבע זאך, קטן שנולד כשהוא מהול. סא דעמאלטס קען מען זאגן אזוי ווי, כולי, נארמאלערהייט מאכט א ברית, שניידט מען אפ, קומט שוין אליין ספליט. יעצט, על כל פנים דארף מען מאכן די פארט און די בלוט אן... אריין.

**דם ברית איז נישט קיין סייד עפעקט**

געוועגליך איז די בלוט א סייד עפעקט. וואס הייסט דו מיינסט אין עקט אז אפשר א... ניין, אפשר איז נישט קיין סייד עפעקט, ס'איז א ברית, אונז האבן א ברית. וואס? ס'איז דא דם ברית. בדמיך חיי. ס'זעט אויס אז ס'איז געווען אזוי היינט צו טאג. אבער דא מיינט ער, ס'איז דא עפעס די כריתת ברית איז אויף די דם.

אבער ס'איז זיכער אז דו קענסט זאגן כולי אז די תורה וויל צוויי זאכן: די תורה וויל אז מ'זאל מל'ן די ערלה, און די תורה וויל אז מ'זאל אריינקומען בבריית ישראל דורך עפעס א געוויסע מעמד וואס איז דא אין דעם דם, און מ'האט זיי צוזאמגעשטעלט.

**ס'איז אינטערעסאנט אז ס'איז ביום השמיני**

אבער אויב וואלט מען געזאגט אזוי, דאס וואס מ'דארף עס טון ביום השמיני זעט אויס ווי דאס איז די ימול. ס'איז אן אינטערעסאנטע זאך. סא לויט די חשבון אז ס'איז דא אפשר א ערלה כבושה, ממילא איז פשט אז ס'איז ממש א ברית מילה. אבער אן דעם, אז ס'איז נאר הטפת דם ברית, איז עס זייער זייער אינטערעסאנט אז ס'איז ביום השמיני. ווייל דאס איז זיין יום הולדת, זיין ברית מילה איז דאס, איז די בלוט. ער דארף בעצם נישט קיין מילה.

**אנדרוגינוס**

אקעי. **אנדרוגינוס, מי שנולד שיש לו זכרות כזכר ונקבות כנקבה**, איינער וואס האט א דיאמפער, ער האטביידע, **איז אויך אין צריך למולו ביום השמיני**, ווייל ער האט למעשה א זכרות.

**דיסקוסיע: פארוואס איז א פרוי פטור?**

**Speaker 1:** וכן יוצא דופן. א מינוט, איך וויל זיך נאר אפשטעלן. אנדרוגינוס איז אינטערעסאנט. די פשט איז אז די סיבה פארוואס א פרוי איז פטור איז ווייל זי האט נישט קיין זכרות, נישט ווייל ס'איז א מצוה נאר אויף א איש. ווייל ער זאגט, אויב אן אנדרוגינוס האט אזוי ווי א איש, אבער ס'העפנט צו זיין אז ער האט א... אז ס'איז דא א זכרות... יא, אקעי, מ'דארף טראכטן.

**Speaker 2:** ער זאגט, די לשון רש"י איז א ספק, אבער דו ביסט גערעכט, פארוואס דארף מען זאגן ספק? ער האט דאך זיכער א זכרות, דארף מען זיכער מל'ן. אויב א פרוי... לאמיר זאגן, א פרוי האט א זכרות, דאס מיינט דאך אנדרוגינוס בעיסיקלי. איך ווייס נישט, ס'שטייט דא אז ס'איז נישט אזא... ר' נחום האט ער עס עקספלעינט? ס'שטייט דאך אזוי. יא. אקעי.

**יוצא דופן**

**וכן יוצא דופן.** א יוצא דופן וואס... ס'איז דא אנדערע הלכות לגבי יוצא דופן ביי ברית, יא, מיר וועלן זען שפעטער לגבי מילה בשבת. אבער וואס איז דער ענין דא? וואס וויל ער ארויסברענגען? אז ער איז נימול לשמיני? ווייל מ'קען זען אז ס'איז א ספק. דער רמב"ם זאגט אז מ'איז נישט מל בשמיני בשבת, וואס דו ווילסט זאגן אז ער איז נימול בשמיני. איין אם בת מלידה, ס'איז נישט דא קיין לידה דא.

**דיסקוסיע: ס'איז נישט קיין ספק**

**Speaker 1:** אה, דער "וכן יוצא דופן" גייט ארויף אויף די "צריך למולו ביום השמיני". אויך א יוצא דופן דארף מען... ס'איז נישט קיין ספק. ס'איז נישט קיין ספק. ס'איז נישט קיין ספק. אזוי ווי אנדרוגינוס. פשט איז, א יוצא דופן איז א ספק חייב מילה בשמיני? ניין, ס'איז נישט קיין ספק.

**Speaker 2:** פארוואס? פארוואס?

**Speaker 1:** אה, ס'איז דא א סתירה אין די גמרא. אויב ס'איז נאר געווען א געוועגליכע לידה, אדער אפילו אזא זאך. אבער אין א גמרא שטייט די לשון... איך ווייס נישט פארוואס. מ'דארף קוקן אין די גמרא.

**מי שיש לו שתי ערלות**

אה, **ומי שיש לו שתי ערלות, מולין שתיהן בשמיני.** דאס איז אויך א ראיה אזוי ווי מיר האבן געזאגט וועגן אנדרוגינוס. ווייל ווייטער קען זיין אז מ'איז מסופק. אה, ניין, ס'איז דאך א יוד. א מענטש מיט צוויי ערלות, אקעי, דאבל.

ס'איז דא אזא זאך, יא. אלעס מאכט זיך.

**הלכה ח: זמן המילה — ביום ולא בלילה**

אקעי. ווען מאכט מען די ברית מילה?

**"אין מולין לעולם אלא ביום אחר עלות השמש"**, נאך נץ החמה, וויאזוי אונז רופן עס, נאך די וויסנשאפטליכע טאג. **"בין ביום השמיני שהוא זמנו בין שלא בזמנו"**, סיי ווען די ברית איז בזמנו, וואס דאס איז ביום השמיני, סיי ווען ס'איז שלא בזמנו, וואס דאס איז פון די ניינטע טאג און ווייטער, דארף מען עס טון בייטאג, **שנאמר "וביום השמיני"**, און מ'לערנט ארויס **"ביום ולא בלילה"**.

**"ואם מל משעלה עמוד השחר, כשר".** בדיעבד איז כשר. לכתחילה, אזוויי מיר האבן שוין געלערנט, אז ס'איז דא צוויי מיני צופרי. ס'איז דא עלות השחר הייסט שוין אויך צופרי, אבער די עיקר צופרי הייסט ביי נץ החמה. מיר האבן אראפגעלערנט לגבי תפילה, אז לכתחילה זאל מען דאווענען נאך נץ החמה, אבער אויב מ'האט געדאוונט פון עלות השחר האט מען יוצא געווען, יא? ס'איז דא אזא סארט הלכה, געדענק איך. די זעלבע זאך דא.

